# הליכות ושיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

**פרשת לך לך תשפ"ד לפ"ק**

***יום ראשון פרשת לך לך***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של הרב **שמואל בנימין בוים** שליט"א, שהתקיים באולם שיקס מענאר.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, והתפלל תפלת מנחה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של החתן בן הר"ר **ישראל חיים שפארן** הי"ו עב"ג בת הר"ר **יעקב שטייער** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי'.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' ברכות קריאת שמע של ערבית סימן רל"ו סעיף א') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**שטייט** די וואך אין די פרשה 'נח איש צדיק תמים היה בדורותיו' (בראשית ו-ט). רש"י שטעלט זיך וואס איז דער 'בדורותיו', אוודאי אין זיינע דורות, א מענטש לעבט דאך אין זיין דור, ער לעבט דאך נישט אין יענעם'ס דור, און אז מען זאגט אז נח איז געווען א צדיק תמים איז דאס אודאי געווען אין די צייטן וואס ער האט געלעבט.

**וועגן** דעם ברענגט צו רש"י אז 'בדורותיו' האט צוויי וועגן פון די חכמים וויאזוי עס אויסצוטייטשן, יש דורשין לשבח ויש דורשין לגנאי, עס איז דא וואס דרשנ'ען לשבח, ווען ער וואלט געווען אין א דור פון צדיקים נישט ווי אין זיין דור וואס איז געווען א דור פון רשעים, וואלט ער געווען אסאך גרעסער, א צדיק תמים אפילו 'בדורותיו', איז דאס א מעלה פון אים, אז אפילו ווען ער איז געווען ארומגענומען מיט אזעלכע שוואכע מענטשן 'כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ' 'מלאה הארץ חמס' (פסוקים יא-יב), און ער האט זיך געקענט האלטן ערליך, און ער איז געבליבן א צדיק. דאס איז א געוואלדיגע מעלה, ער האט נישט געהאט קיין שום הילף ארום זיך, און פונדעסוועגן דאך ער מיט זיין שטוב האבן זיך אפגעהיטן, און זיי זענען נישט נאכגעגאנגען נאך די גאס. דאס איז טייטש אז ער איז געווען א 'צדיק תמים בדורותיו' - אפילו אין זיינע דורות, כל שכן ווען ער וואלט געווען אין א דור פון צדיקים, וואלט אים אסאך גרינגער אנגעקומען וואלט ער געווען נאך גרעסער. דאס איז די יש דורשים לשבח.

**ויש** דורשים לגנאי, 'בדורותיו' ער איז געוועהן א צדיק צווישן אזעלכע געמיינע מענטש'ן און ער האט זיך אזוי אויפגעפירט ערליך לגבי זיי, אבער אילו היה בדורו של אברהם לא היה נחשב לכלום, ווען ער וואלט געווען אין דור פון אברהם אבינו וואלט ער נישט געווען גערעכנט פאר עפעס, אין אברהם אבינו'ס דור וואס אברהם איז געווען אזא

צדיק, וואלט די צדקות פון נח נישט געקומען צו די צדקות פון אברהם אבינו. — און די וועלט פרעגט, נו אז מען קען דרש'נען לשבח פארוואס זאל מען דרשנ'ען לגנאי?

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז די תורה האט אונז געוואלט לערנען, אפילו ווען די תורה שרייבט אויף איינעם ער איז א 'צדיק תמים', און דער אויבערשטער זאגט אים 'כי אותך ראיתי צדיק לפני' (בראשית ז-א), וועלן אייביג זיין מענטשן וואס וועלן נאך אלץ דרשנ'ען לגנאי, מען זאל זיך נישט דערשרעקן אז מען זעהט אויף א צדיק אז מען דרש'נט לגנאי, די תורה אליין שרייבט אויף נח אז ער איז געווען א 'צדיק תמים', און פונדעסוועגן דאך איז דא אזעלכע וואס פרובירן צו זאגן אז ער איז נישט אזא צדיק, א האלבער צדיק, 'בדורותיו' איז ער געווען א צדיק, אבער בדורו של אברהם לא היה נחשב לכלום. אבער עכ"פ אז זיי האבן אזוי גע'דרש'נט מוז דאך זיין אז זיי האבן געהאט א הכרח אז נח איז נישט געווען דער צדיק מופלג.

**עס** קען זיין א סיבה פארוואס זיי האבן אזוי גע'דרש'נט. דער אויבערשטער האט געזאגט פאר נח 'קץ כל בשר בא לפני' (שם פסוק יג), עס איז עק וועלט, מען קען נישט אזוי אנגיין ווייטער, עס איז 'מלא הארץ חמס מפניהם, והנני משחיתם את הארץ' (שם). פון ווען דער אויבערשטער האט עס געזאגט פאר נח, האט גענומען 120 יאר ביז דער אויבערשטער האט געברענגט דעם מבול. נח איז אלט געווען 480 יאר ווען עס איז געקומען פאר אים די דיבור פונעם אויבערשטן, און ווען ער איז אלט געווארן 600 יאר, הערשט דעמאלטס איז געקומען דער מבול (רש"י ו-ג).

**רש"י** זאגט (ו-יד), אז דאס איז א חסד פונעם אויבערשטן, דער באשעפער האט געוואלט אז נח זאל זיין פארנומען אזויפיל צייט מיט די תיבה, און יעדער וועט אים פרעגן פארוואס ער בויט א תיבה, און ער וועט פארציילן אז עס גייט קומען א מבול און אפשר וועלן זיי תשובה טוהן און זיך צוריק קערן צום גוטן. דאס די געוואלדיגע מדת ארך אפים פונעם אויבערשטן, אפילו דער אויבערשטער האט געזאגט עס איז עק וועלט מען קען נישט אנהאלטן אזוי, 'כי מלאה הארץ חמס', מיט דעם אלעם געב איך נאך 120 יאר, וואס עס גייט זיך פירן יעצט א וועלט מיט 'השחית כל בשר', און עס וועט זיין ווייטער פול מיט חמס, אבער איך בין נאכנישט מכלה די וועלט, אפשר וועלן זיי תשובה טוהן.

**אבער** עס דארף נאך אלץ האבן א ביאור, וואס איז געווען דער חשבון פון די הונדערט און צוואנציג יאר?, פארוואס נישט הונדערט יאר, הונדערט פערציג יאר, הונדערט דרייסיג יאר, וואס האט דער אויבערשטער אויסגערעכנט הונדערט און צוואנציג יאר אז הערשט דעמאלטס וועט קומען דער מבול?

**שטייט** שפעטער אין די פרשה, עס איז אנגעקומען די הונדערט און צוואנציג יאר און דער אויבערשטער האט געוואלט ברענגען די מבול, האט דער אויבערשטער געווארט נאך זיבן טאג 'כי לימים עוד שבעה' (ז-ד) גיי איך ברענגען דעם מבול, וואס איז די שבעה ימים? זאגט רש"י, מתושלח איז געשטארבן דעמאלטס, און עס איז געווען זיבן טאג וואס מען האט מספיד געווען אויף מתושלח, און עס איז נישט קיין דרך כבוד, אז אזא צדיק ווי מתושלח איז אוועק, און מען זאל תיכף ברענגען דעם מבול, מוז מען לכבודוווארטן נאך זיבן טאג.

**וואס** דער ביאור דערפון איז, שטייט אין די גמרא אין יומא (לח:), אפילו בשביל צדיק אחד מתקיים העולם, אפילו עס איז דא א וועלט וואס די וועלט איז נישט ראוי אז עס זאל זיך האלטן, אבער עס איז דא איין צדיק אויף דער וועלט וואס ער פירט זיך ערליך, איז כדאי פאר'ן אויבערשטן די גאנצע בריאה מיט אלעם וואס עס טוט זיך אפ אויף דער וועלט וועגן דער צדיק וואס געפינט זיך וואס ער איז דער קיום פון די וועלט, שנאמר (משלי י-כה) 'וצדיק יסוד עולם', דרשנ'ט די גמרא, אפילו נאר 'צדיק' נישט קיין 'צדיקים', אפילו איין צדיק איז דער יסוד פון די וועלט.

**עס** איז טאקע געווען 'השחית כל בשר את דרכו על הארץ', די ארגסטע וואס עס קען זיין, און מען קען נישט אזוי אנהאלטן מיט די וועלט. אבער מתושלח האט נאך געלעבט און מתושלח איז געווען א צדיק, און ביז ווילאנג מתושלח לעבט קען דער אויבערשטער נישט ברענגן קיין מבול, ווייל ער איז

דער 'צדיק יסוד עולם' וואס אין זיין זכות האלט זיך די וועלט. מען זעהט דאך אפילו נאכדעם וואס משותלח איז שוין נסתלק געווארן, האט דאך דער אויבערשטער אויסגעווארט נאך זיבן טאג וועגן דעם כבוד פון מתושלח, איז דאך כל שכן אז ווילאנג מתושלח האט נאך געלעבט, האט נישט געקענט קומען קיין מבול.

**מתושלח** איז געשטארבן נאך 120 יאר, דער אויבערשטער האט דאך געוויסט די יארן פון מתושלח, אז מתושלח גייט נאך לעבן 120 יאר, און דער צדיק איז דאך 'יסוד עולם', קען מען דאך נישט ברענגען קיין מבול אויף דער וועלט ביז ווילאנג מתושלח איז דא, האט דער אויבערשטער געזאגט פאר נח, הונדערט און צוואנציג יאר מוז מען ממילא ווארטן ביז מתושלח וועט נסתלק ווערן. דערווייל בוי די תיבה, און לאמיר זעהן די הונדערט און צוואנציג יאר וואס איז נאך געבליבן צו מתושלח'ס יארן, צו די אנשי דור המבול וועלן תשובה טוהן.

**קומט** דאך אויס אז דאס וואס דער אויבערשטער האט אויסגעצויגן און ער האט געברענגט די מבול ערשט נאך 120 יאר, און נאכדעם האט ער נאך צוגעווארט זיבן טאג, דאס איז געווען וועגן זכות פון מתושלח ווייל ער איז געווען דער 'צדיק יסוד עולם'.

**ווערט** דאך לויט דעם שווער, אז א צדיק האלט די וועלט, און מתושלח'ס זכות האט מגין געווען אז ס'זאל נישט קומען קיין מבול, וואס טוט זיך מיט נח? מתושלח איז טאקע געשטארבן, אבער עס איז דאך בימי נח, 'כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה', נח איז דאך אויך געווען א צדיק 'נח איש צדיק תמים היה בדורותיו', פארוואס האט דער זכות פון נח נישט צוריקגעהאלטן אז דער אויבערשטער זאל נישט ברענגען א מבול? איז דאך על כרחך א הכרח פון דעם אז נח איז נישט געווען אין די מדריגה פון מתושלח. מתושלח איז געווען אין א העכערע מדריגה ער איז געווען דער 'צדיק יסוד עולם', און אז מען זאגט אויף נח אז ער איז א געווען א צדיק, איז דאס נאר ווייל 'בדורותיו', ער איז געווען א צדיק נאר 'בדורותיו', אבער דאס האט נישט געהאט דעם כח פון זיין א 'צדיק יסוד עולם' צוריק צוהאלטן פורענות פון קומען אויף די וועלט.

**קומט** אויס פון דעם אליין וואס מען זעהט אז דער באשעפער האט געווארט 120 יאר ביז ער האט געברענגט דעם מבול כדי אז מתושלח זאל נסתלק ווערן, און נאכדעם האט ער נאך געווארט 'לימים עוד שבעה' אויף די הספד פון מתושלח, איז דאך טייטש אז ביז ווילאנג עס איז דא א צדיק אויף דער וועלט ברענגט נישט דער אויבערשטער קיין מבול, און מען זעהט דאך אז אין נח'ס צייטן איז יא געווען דער מבול, איז דאס א סימן אז 'בדורותיו', ער איז נאר געווען א צדיק לגבי זיין דור, און אילו היה בדורו של אברהם איז לא היה נחשב לכלום.

*

אחר השיעור הגיע **רבינו שליט"א** אצל חתונה של בן ש"ב הר"ר ***יהודה ווערבער*** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אלכסנדר זושא גאלדבערג** הי"ו, שהתקיים באולם אור החיים וויזניץ (ב"פ) **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***<u>יום שני פרשת לך לך</u>***

לאחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף בהברית של בן הר"ר **הערשל פאלל** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש קאסוב. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וברכות. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של החתן בן הר"ר **זלמן לייב שטוהל** הי"ו עב"ג בת הר"ר **זלמן לייב ביילוש** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **חיים יודא**

**שפיטץ** הי"ו עב"ג בן הר"ר **מנשה סג"ל הורוויץ** הי"ו, שהתקיים באולם עמינעגס, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **זלמן לייב שטוהל** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

ומשם הגיע **רבינו שליט"א** להשתתף אצל החתונה של החתן בן הר"ר **יצחק אליעזר וואלדמאן** הי"ו עב"ג בת הר"ר **יונתן לעפקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

***<u>יום שלישי פרשת לך לך</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של בת הר"ר **שרגא צבי פישמאן** הי"ו עב"ג בן הר"ר **יצחק יודא גומבו** הי"ו, שהתקיים באולם עמינעגס.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הרה"ג רבי **ישראל אהרן כ"ץ** שליט"א (בן כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א), עב"ג בן הרה"ג רבי **בערל מרגליות** שליט"א, שהתקיים בבית המדרש נאנאש. **רבינו שליט"א** הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו להמחותנים הרבנים הגאוה"צ שליט"א.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **אפרים יצחק היללמאן** הי"ו עב"ג בן הר"ר **מאיר גוטמאן** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***<u>יום רביעי פרשת לך לך</u>***

אחר שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף בהברית של בן הר"ר **צבי פישער** הי"ו (חתן הר"ר משה יצחק שווארץ הי"ו), שהתקיים בבית המדרש ריגליץ. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. והתפלל שם תפלת מנחה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** ללעיקוואוד לסידור קידושין אצל החופה של החתן בן הר"ר **מרדכי מענדלאוויטש** הי"ו עב"ג בת הר"ר **שלמה זלמן יוסף הערמאן** הי"ו, שהתקיים באולם נעימת החיים.

ומשם נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בן ש"ב **הרה"ג רבי זיידא אייכענשטיין שליט"א** דומ"ץ בורשטין (בן כ"ק האדמו"ר מבורשטין שליט"א, וחתן אחיו כ"ק הגה"צ אב"ד תולדות אהרן וומסב"ג זצ"ל), עב"ג בת **הרה"ג רבי מרדכי דוב הלוי בעק שליט"א** אב"ד טאלמיטש, (בן כ"ק האדמו"ר משערקאס שליט"א, וחתן כ"ק האדמו"ר מסקולען שליט"א), שהתקיים באולם עטרת גאלדא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים הגאוה"צ שליט"א.

*

***<u>יום חמישי פרשת לך לך</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, ושיעור השבועי **באור החיים הק'**. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **שלמה שיין** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אחיו ע"ה (הר"ר **ישראל** ע"ה).

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הרב **אברהם יצחק פעדער** שליט"א עב"ג בת

הרב **שמעון פינק** שליט"א, שהתקיים באולם לעגאסי.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן ש"ב הרב **חיים שלמה גינזבערג** שליט"א (בן כ"ק האדמו"ר מחוסט שליט"א), עב"ג בת הרב **ראובן נתן נטע זילבערשטיין** שליט"א אב"ד ישמח משה בראזיל, שהתקיים באולם כתר ריזל.

*

***שבת קודש פרשת לך לך***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** הבאטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד בברכת המזון נתכבד **הרב חיים מאיר כ"ץ שליט"א**.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **יצחק ווייסבערג** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבה לכבוד השמחה.

בסיום הדברי תורה בסעודה שלישית השמיע **רבינו שליט"א** דברים בענינים העומדים על הפרק - מצב המלחמה בארץ ישראל.

***וזה תוכן הדברים:***

**איך** וועל צו ענדיגן, מען רעדט דאך פונעם מצב אין ארץ ישראל, דער אויבערשטער זאל האלטן די רעכטע האנט אויפן כלל ישראל, דער אויבערשטער איז דאך שומר ישראל. שטייט אין מדרש די וואך (בר"ר לט-א), אברהם אבינו איז געווען דער ערשטער וואס האט מכיר געווען דעם אויבערשטן. דער מדרש ברענגט א משל אז איינער איז אמאל ארויסגעגאנגען ער האט געזען א בירה דולקת, ער האט געזען ווי א פאלאץ ברענט, האט ער געזאגט, נישטא קיין בעל הבית פאר די בירה? הציץ עליו בעל הבירה, דער בעל הבירה איז געשטאנען אין דער זייט און ער האט געגעבן א בליק אויף אים, ער האט געזאגט אני בעל הבירה איך בין דער בעל הבית פון די בירה. אברהם אבינו האט אנגעקוקט די וועלט, א וועלט אן א מנהיג עס איז נישטא קיין בעל הבירה דא, הציץ עליו הקב"ה, האט דער אויבערשטער זיך מגלה געווען פאר אברהם אבינו האט ער געזאגט איך בין דער בעל הבירה.

**די** ערשטע חלק שטייט שוין אין די מפרשים אויפן פלאץ (מהרז"ו), אז ווען עס איז נישט קיין בירה דולקת, עס איז דא א בירה מען זעהט א שיינעם פאלאץ פרעגט מען נישט אפשר האט עס נישט קיין בעל הבית, עס איז זיכער אז עס איז דא א בעל הבית ווער האט עס אויסגעהאלטן ווער האט עס גערייניגט און ווער האט עס אהער געשטעלט, יעדער פארשטייט אז מען זעהט א בירה אז די בירה האט א בעל הבית, און מען פרעגט נישט ווער דער בעל הבירה.

**אז** מען זעהט א בירה דולקת און קיינער טוט גארנישט, א בירה ברענט און קיינער מאכט זיך נישט וויסענדיג פון די בירה, הייבט מען אן צו טראכטן, דער בעל הבית איז נישטא, דער בעל הבית האט עס איבערגעלאזט עס האט נישט קיין בעל הבית, ווען עס וואלט געווען א בעל הבית דא וואלט ער דאך עס אויסגעלאשן. דאס איז א משל, ווען מען זעהט א בירה דולקת הייבט מען אן צו פרעגן מי בעל הבירה, ווער איז דער בעל הבירה? און דער בעל הבירה האט זיך אהערגעשטעלט און ער זאגט, הציץ עליו בעל הבירה און ער האט אים געזאגט איך בין דער בעל הבירה.

**די** זעלבע איז אין די וועלט אויך. די וועלט איז א בירה, ווילאנג אלעס גייט כשורה זעהט יעדער איינער אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט וואס פירט אלעס. ווען אידן זענען געווען ברום המעלה, מען איז געווען אין ארץ ישראל און עס איז געווען דער יד ה' האט אויף אונז חופף געווען, אידן זענען אמאל געווען ארומגענומען מיט ניסים ונפלאות. מען האט געזעהן בחוש אז מיר זענען אונטער די הענט פונעם אויבערשטן, האט קיינער נישט געפרעגט צו עס איז דא א בעל הבית אויף די וועלט, מען האט געזעהן אז עס איז דא א בעל הבית, דער באשעפער איז געשטאנען צו הילף, יעדע זאך וואס עס האט אויסגעפעלט פאר אידישע קינדער איז דער אויבערשטער דארט געווען. —— מען זעהט אבער א בירה דולקת עס איז א הסתר פנים, עס איז עס ברענט א בירה און מען קוקט זיך נישט אום דערויף, הייבט זיך אן צו טראכטן מי בעל הבירה, איז דא א בעל הבית אלעס וואס צו טוען.

**אונז** ווייסן אז ארץ ישראל איז 'ארץ אשר ה' אלקיך דורש אותה, תמיד עיני ה' אלקיך בה מראשית השנה ועד אחרית השנה' (דברים יא-יב), עס איז דא א בעל הבירה, אייביג איז דעם אויבערשטער'ס אויגן אויף ארץ ישראל, אפילו אין זמן הגלות אידן זענען פארוואורפן געווארן, דאס איז דער פלאץ פונעם אויבערשטן, 'וה' שוכן בציון' (יואל ד-כא), עס איז דא א פלאץ ווי דער אויבערשטער רוהט, דאס איז זיין בירה עס איז זיין פאלאץ, דאס איז דער הציץ בעל הבירה.

**ווילאנג** אידן זענען געווען אין ארץ ישראל און אלעס האט זיך געפירט כשורה האט מען נישט געפרעגט מי בעל הבירה. מען זעהט אבער הבירה דולקת, מען זעהט עס קוקט עפעס אויס אן הסתר פנים און עס ברענט, הייבט מען אן נתעורר זיין וויאזוי לאזט עס דער אויבערשטער צו אז כלל ישראל זאל זיך אזויפיל פלאגן? מען הייבט אן צו טראכטן ווי איז דער בעל הבירה? הציץ עליו בעל הבירה דער בעל הבירה האט זיך אהערגעשטעלט און ער זאגט, איך שטיי דא און איך ווייס וואס עס גייט פאר!

**אבער** די קשיא גייט טיפער, און אז די בירה איז דולקת און דער בעל הבירה שטייט דארטן, וואס לאזטו ברענען דיין בירה, וואס רופסטו נישט פייער לעשער? הייב אן צו שרייען, מיין בירה ברענט מען זאל עס אויסלעשן, דאס איז טייטש מען זעהט א בירה דולקת און אז מען לאזט עס ברענען, הייבט זיך אן צו פרעגן די שאלה איז דא א בעל הבירה דא צי נישט, הציץ עליו בעל הבירה און ער זאגט אים איך בין דער בעל הבירה, איך בין דאס דער בעל הבירה, נו וואס טוסטו נישט עפעס?

**איז** דאך על כרחך אז ווען דער בעל הבירה שטייט דארט און ער זעהט אז בירה ברענט און ער טוט גארנישט, איז דא א סימן אז עס איז מיט א חשבון פונעם בעל הבירה. דער בעל הבירה זאגט יא, איך וויל אז די זאך זאל יעצט אפברענען, ווייל איך האב א חשבון א טיפערער חשבון פון דעם. מען זעהט אמאל א מענטש קויפט א שיינע הויז וכדומה, און אמאל איז דא הייזער פון אפאר שטאק און מען צעווארפט עס — עס איז דא א בעל הבית דערויף און ער צאלט געלט אז מען זאל עס צוואווארפן, פארוואס? ווייל ער האט א חשבון איך וויל דא אויפבויען נאך גרעסערס און נאך שענערס, איך דארף נישט דעם אלטן דירה איך וויל האבן א שענערע דירה. אז מען זעהט אז א בירה איז דולקת און דער בעל הבירה שטייט דארטן און ער לאזט עס ברענען, איז א סימן אז עס איז דא א פלאן דערויף! א בעל הבירה וואלט נישט געלאזט זיין בירה זאל אפברענען. אז ער לאזט עס אפברענען איז טייטש, איך וויל דא אויפבויען א שענערע בירה פון וואס עס איז געווען, מוז איך פארברענען קודם די בירה כדי עס זאל קענען זיין פלאץ פאר א צווייטע בירה.

**און** די זעלבע איז אין די וועלט. דער אויבערשטער איז דער בעל הבירה. אז מען זעהט א בירה ברענט איז נישט דער טייטש אז עס איז דא אן הסתר פנים, עס איז 'תמיד עיני ה' אלקיך בה מראשית השנה ועד אחרית שנה', דער בעל הבירה איז דארט, דער בעל הבירה זאגט איך האב א חשבון אז עס זאל ברענען די בירה, ווייל איך וויל דא אהערשטעלן א שענערע בירה. וואס אויף דעם גלייבן אונז דאך און מיר זענען מתפלל 'אור חדש על ציון תאיר ונזכה כלנו יחד מהרה לאורו', אויף דעם פלאץ אין ארץ ישראל דארף אהערקומען א שענערע בירה וואס איז געווען, א בירה פון קדושה און א בירה פון די גאולה, און זיין בית המקדש וואס וועט אויפגעבויט ווערן בקרוב. וויאזוי דער פראצעדור גייט צו, דאס איז נישט אין אונזער האנט, אונז פארשטייען נישט, אבער וואס אידן גיין אדורך אין ארץ ישראל, דארף מען ווייסן אז עס איז דא א בעל הבירה, עס איז 'עיני ה' אלקיך בה מראשית השנה ועד אחרית שנה', דער אויבערשטער קוקט זיך אום, און אז עס איז א בירה דולקת איז עס מיט א חשבון אז נאך די בירה דולקת, דארף נאכקומען א שענערע בירה, א הייליגערע בירה פון וואס עס איז געווען, וועגן דעם לאזט ער אז די בירה זאל זיין דולקת.

**דאס** איז דער חיזוק וואס אונז דארפן ארויסנעמען, אפילו עס איז דא צייטן וואס מען זעהט הבירה דולקת, דארף מען אנהייבן צו טראכטן, דער אויבערשטער גרייט צו די טריטן פון ימות המשיח וואס מיר אלע זענען משתוקק אויף דעם, מען האט

נישט געגלייבט אז מען וועט אזוי לאנג בלייבן אין גלות, און עס ציט זיך שוין אזוי לאנג, אבער אט אט וועט נאך קומען די צייט וואס דער אויבערשטער וועט אונז אויסלייזן, אלעס איז אן הכנה פאר די גאולה — וויאזוי די הכנה איז, דאס איז אין די הענט פונעם אויבערשטן וואס אונז פארשטייען נישט. אבער וואס מען גייט אדורך אלע צרות און אלע פראבלעמען וואס כלל ישראל איז אדורכגעגאנגען בעיקבתא דמשיחא איז אלעס מיט א חשבון, צו צוגרייטן אז נאך די בירה דולקת, זאל קענען ארויפקומען די ריכטיגע בירה.

**וואס אונז קענען יא טוען, 'אין כוחינו אלא בפה'!** (ע"פ מכילתא בשלח פ"ב) **א איד האט נישט עפעס וואס צו טוען נאר דאווענען און מתפלל זיין, יעדן טאג דארף מען מתפלל זיין אויף אחינו בני ישראל! עס גייט אדורך א טאג און מען לייגט זיך, דארף מען טראכטן ביי זיך, וואס האב איך היינט געטוען פאר אחינו בני ישראל?!, וויפיל האב איך געדאווענט?, וואס האב איך מתפלל געווען?, וואס האב איך אינזין געהאט?. נישט לאזן אדורכגיין א טאג!. אידישע תפילות האבן א געוואלדיגן כח, יעדע תפלה וואס א איד איז מתפלל, טוט גרינגער מאכן פארן מצב וואס איז דא.**

**דער** אויבערשטער דארף נאך האלטן די רעכטע האנט, מיר ווייסן נישט וויאזוי די זאכן וועלן זיך אויסלאזן, און וויפיל דאס וועט אריינפירן, אבער תפלה דאס איז די כוחות וואס אונז האבן.

**זאל** דער אויבערשטער געבן עס זאל שוין פון די בירה דולקת אויפקומען א פרישע בירה, 'אור חדש על ציון תאיר ונזכה כלנו יחד מהרה לאורו', מיר זאלן אלע זוכה זיין צו זעהן בקרוב בבנין ציון וירושלים בב"א.

*

## קול רנה וישועה באהלי צדיקים

במוצאי שבת קודש נקבצו ובאו קהל רב תלמידים וחסידים אנשי שלומינו שיחי' לשמוח בשמחתו של **רבינו שליט"א**, שמחת הבר מצוה של נכדו בנש"ק הב' **אהרן** נ"ו בן לבנו **הרה"ג רבי יהושע שליט"א** ראה"כ דקהלתנו הק' בב"פ (חתן הגה"צ **רבי חיים אלעזר ראבינאוויטש שליט"א** ראש ישיבת מונקאטש, בן **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א**) שהתקיים בבית מדרשנו הגדול.

בשעה המיועדת הופיע **רבינו שליט"א** ביקרו, וקיבלו את פני הקודש בשירה ובזמרה ובריקודין של שמחה. – בתחלת הסעודה ערך חתן הבר מצוה נ"ו סיום על כל 'ששה סדרי משנה' שלמד בשקידה, ואמר הקדיש. אחר כך נשמעו דברי תורה לרגל השמחה מאת **הרה"ג רבי יהושע שליט"א** ומאת **הגה"צ ר"י מונקאטש שליט"א.**

במשך הסעודה הופיע ביקרו הסב הגדול **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א**. אחר פרקי שירה וזמרה זכו לשמוע דברות קודש **מכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.**

לאחר כן השמיע חתן הבר מצוה נ"ו את הפשעטל בטוב טעם, ופרצו כל הקהל בריקודין של שמחה וחדוה, **ורבינו שליט"א** יחד עם הסב **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א** יצאו בריקוד עם חתן הבר מצוה נ"ו ובני המשפחה, **ורבינו שליט"א** המשיך בריקוד עם בנו **הרה"ג רבי יהושע שליט"א.**

אחר שנשמעו דברי תורה **מכ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א** בירך חתן הבר מצוה נ"ו ברכת המזון על הכוס, ועברו המשתתפים לפני הסבים **האדמורי"ם שליט"א** ובעלי השמחה שליט"א לברך ולהתברך בברכת מזל טוב.

**יהא רעוא שמשמחה זו יושפע לנו ולכל ישראל להתברך בכל מילי דמיטב.**

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**'אודה** ה' מאד בפי ובתוך רבים אהללנו' (תהלים קט-ל). יעדער איד ווען עס איז דא ביי אים א שמחה אין שטוב, געבט ער אפ א שבח והודאה פאר'ן אויבערשטן אויף די שמחה וואס דער אויבערשטער האט אים מזמין געווען. איך שטיי אויך אין א יום שמחה, מיין חשוב'ער זון **ר' יהושע** זאל זיין געזונט איז מכניס זיין קינד לעול המצות, זיין חשוב'ער בחור **אהרן** נ"י, ער האט זיך אלע טעג געפלאגט אויף תורה, און האט ב"ה זוכה געווען מסיים זיין

ששה סדרי משנה, זאל דער אויבערשטער געבן ער מיט זיין בני בית שתחי' זאלן זעהן אסאך שמחות און נחת ביי איהם און ביי אלע קינדער.

**מיין** חשוב'ער מחותן זאל זיין געזונט, און דער זיידע, דער מונקאטשער רב זאל זיין געזונט, איך קען נישט ארויסברענגען געהעריג די געוואלדיגע זכות וואס איך האב אז מיין זון איז אריינגעקומען אין אזא שטוב, דער זיידע נעמט אים אויף מיט אזא ליבשאפט, און ער געבט אים איבער פון זיין תורה און פון אלע זיינע ענינים וואס ער האט אלץ געהאט פון די יוגענט. ער זאגט מיר כסדר איבער וואס דער זיידע האט אים געזאגט. עס איז באמת א געוואלדיגער זכות. זאל דער אויבערשטער געבן ווייטער אויך, זיי זאלן זעהן שמחות און נחת בנים ובני בנים ובני בני בנים עוסקים בתורה ובמצות מתוך שמחה וטוב לבב.

**און** איך וויל באדאנקן פאר'ן גאנצן ציבור, וואס האבן זיך מטריח געווען צו קומען צו די בר מצוה, פון נאנט פון דער ווייט, דער אויבערשטער זאל ענק צוריק באצאלן אי"ה שמחות ביי ענקערע שטובער, מען זאל זיך קענען ביי ענק פרייען שטענדיג.

*

**איך** וועל נישט מאריך זיין, איך וויל נאר זאגן א ווארט לכבוד די שמחה. איך וועל זיך באציען וואס מיר האבן גערעדט ביי של"ס, און א געוויסע נקודה וואס איז נוגע צו די בחור הבר מצוה.

**שטייט** אין **ילקוט** (ילקוט שמעוני במדבר תרפו), ווען אידן זענען געווען אין מדבר איז געווען פיר דגלים, פיר זייטן זענען געווען אויסגעשטעלט די דגלים פון אידן, אינמיטן איז געווען די אוהל מועד, יעדע דריי שבטים האבן געהאט א דגל פאר זיך, דגל מחנה יהודה, נאכדעם איז געווען מחנה ראובן, נאכדעם איז געווען פון אפרים, און פון דן. 'באותות לבית אבותם' (במדבר ב-ב), זאגט דער מדרש אז עס איז געווען אויפגעשריבן די נעמען פון די אבות אויף די דגלים. יעדע דגל האט געהאט א באזונדערע קאליר, וואס עס איז געווען ווי דער קאליר פון דעם שטיין פונעם חושן וואס איז געווען מיוחד פאר דעם ספעציפישן שבט. אין **ילקוט ראובני** (במדבר ד"ה וגם לזה) ברענגט צו פון מדרש פליאה אז עס איז געווען אויפגעשריבן די אותיות פון די שמות האבות אויף די דגלים. וויאזוי איז עס געווען אויפגעשריבן? אויף יעדן דגל איז געווען איין אות פון די אבות. פון 'יצחק', אויף איין דגל איז געשטאנען א יו"ד אויף די אנדערע א צדי"ק, א חי"ת און א קו"ף. 'יעקב' איז פיר אותיות, איז געשטאנען א יו"ד פון יעקב אויף איין דגל, אויפן צווייטן אן עי"ן, אויף דריטן א קו"ף, און אויפן פערטן א בי"ת. 'אברהם' האט פינף אותיות, איז די אותיות אבר"ם איז געשטאנען אויף די פיר דגלים, אויף איין דגל אן אל"ף, אויפן צווייטן א בי"ת, אויפן דריטן א רי"ש, און אויפן פערטן א מ"ם, איז דאך איין אות איז געבליבן, די אות ה"א, די ה"א האט געשוועבט העכער די קאפ פון אידן.

**און** דער הייליגער **אוהב ישראל** דער **אפטער רב זי"ע** ברענגט עס צו אין די לקוטים אויף פרשת במדבר, און ער שטעלט זיך פארוואס איז מען נישט געגאנגען כסדרן, אל"ף בי"ת רי"ש ה"א און די מ"ם וואס בלייבט איבער דאס זאל חופה זיין אויף אידן? פארוואס איז געווען אויפגעשריבן אברם, וואס הקורא לאברהם 'אברם' איז ער עובר בעשה (ברכות יג.), און פארוואס די אותיות 'אבר"ם' איז געשטאנען אויפן דגל, און מען האט ארויסגענומען די ה"א וואס דער אויבערשטער האט איהם שפעטער צוגעגעבן, און דאס איז געלעגן אין דער הייעך? ער פארענטפערט עס דארט על פי דרכו בקודש.

**קען** זיין א געוויסע נקודה וואס איז נוגע לענינינו, פארוואס מען האט אויסגעקליבן די ה"א אז דאס זאל זיין אין דער הייעך. די גמרא זאגט דאך (מנחות כט:), דער אויבערשטער האט באשאפן צוויי וועלטן, עולם הבא האט ער באשאפן באות יו"ד, עולם הזה האט ער באשאפן מיט א אות ה"א. און די גמרא איז מסביר, פארוואס האט דער אויבערשטער באשאפן די וועלט מיט א אות ה"א?, ווייל די וועלט איז אזא צורה פון א אות ה"א, אן אות ה"א איז אונטען אפען, און אויך די וועלט איז אזיווי אן אכסדרה, וואס פון איין זייט קען מען ארויסגיין, מען איז ארומגענומען טאקע פון אלע זייטן, אבער כל הרוצה לצאת יוצא, א מענטש האט א בחירה ער קען פארלירן זיין

וועלט, ער קען ארויסגיין ער קען גיין זיך דרייען ואו ער וויל, יצא מעולמו, אזוי ווי די אות ה"א וואס איז אפען פון אונטן, דער אויבערשטער האט געוואלט ווייזן פארן מענטש אז ער האט א בחירה צו טוען וואס ער וויל.

**אבער** דער אויבערשטער האט געשטעלט ביי די אות ה"א א פתח אין דער הייעך. טאמער איז ער משים אל לבו אז ער האט זיך נישט אויפגעפירט ווי עס דארף צו זיין, און ער וויל תשובה טוען ער וויל זיך צוריק קערן, ער זעהט שוין די גרויסע גליקן וואס מען האט ווען מען איז ארויסגעגאנגען אינדרויסן, און ער וויל צוריק קומען, עס איז דא א וועג אויף צוריק. און מען האט אים געשטעלט נישט נאר א וועג אויף צוריק פון וואו ער איז ארויסגעקומען פון אונטען, נאר מען האט אים געשטעלט נאך א וועג פון אויבן א פרישן פתח וואס דארט קענסטו צוריק אריינקומען, 'בה"א בראם' (בראשית ב-ד ובמנחות שם), דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט מיט א אות ה"א, צו ווייזן אז יעדער מענטש האט א געלעגענהייט אין יעדן מצב ווי ער איז נאר, אפילו ער איז ארויסגעגאנגען פון אונטען, האט ער א וועג זיך צוריק צו קערן און אריינגיין פון אויבן. עס איז א חסד ה' וואס דער אויבערשטער האט געטוען. דער אות ה"א ווייזט, אז א מענטש קען תשובה טוען שטענדיג.

**אבער** עס ליגט אין דעם אסאך מער, אין דער אות ה"א פון 'אברהם' ליגט אסאך מער דערפון. די גמרא זאגט (נדרים לב:), קודם האט ער געהייסן אברם נאכדעם האט ער געהייסן אברהם, אברם איז צוויי הונדערט און דריי פערציג. אברהם איז צוגעקומען נאך פינף, צוויי הונדערט און אכט און פערציג. בתחילה המליכו הקב"ה על רמ"ג אברים, א מענטש האט רמ"ח אברים, אבער ער איז נישט קיין בעל הבית אויף אלע זיינע אברים, עס איז דא זאכן וואס ער קען עס נישט קאנטראלירן, עס איז נישט אין זיין קאנטראל, פינף אברים זענען נישט ברשותו של אדם. שני עינים - די צוויי אויגן, א מענטש זעהט אפילו א זאך וואס ער האט נישט געוואלט זעהן. שני אזנים - די צוויי אויערן, א מענטש הערט זאכן וואס ער האט נישט געוואלט הערן וכו'. עכ"פ פינף אברים איז אינו ברשותו של אדם. דער גרעסטער צדיק קען היטן אויף זיין גוף און אירע כוחות, אבער די פינף אברים זענען נישט אין זיין רשות, קודם האט אברהם אבינו נישט געקענט שולט זיין אויף זיי, אבער שפעטער האט איהם דער אויבערשטער געגעבן דעם כח צו שולט זיין אויך אויף זיי.

**אבער** אז א איד פירט זיך ערליך און ער דינט דעם אויבערשטן מיט וואס ער קען, באקומט ער א ברכה מן השמים, אז אפילו אויף די אברים וואס זענען אינן ברשותו של אדם איז ער אויך שולט. פון ווען אברהם האט באקומען דעם נאמען אברהם האט ער נישט געזעהן נאר א דבר מצוה, ער האט נישט געהערט קיין זאך וואס מען דארף נישט צו הערן, אפילו די אברים וואס זענען נישט ברשותו של אדם, זענען אויך געווען אין זיין רשות.

**ליגט** דאך אין דעם א געוואלדיגע מוסר השכל, אז א מענטש קען זוכה זיין, אויב ער טוט וואס ער דארף צו טוען, און די זאכן וואס זענען יא ברשותו טוט ער וואס ער דארף, קען ער זוכה זיין אז 'לא יאונה לצדיק כל און' (משלי יב-כא), ער זעהט נישט מער קיין זאך וואס איז שלעכט, ער הערט נישט א זאך וואס מען דארף נישט צו הערן, 'רגלי חסידיו ישמור' (שמואל א' ב-ט) - דער אויבערשטער היט אפ אז מען זאל גיין אויפן ריכטיגן וועג.

**און** דאס איז געווען ביי אברהם. קודם איז ער געווען אבר"ם, דער אויבערשטער האט אים ממליך געווען און ער האט שולט געווען אויף רמ"ג אברים וואס דאס איז געווען ברשותו. עס איז דאך אבער דא איברים וואס זענען נישט ברשותו של אדם. האט אים דער אויבערשטער צוגעגעבן די ה"א, אז פון 'אבר"ם' איז געווארן 'אברה"ם', און אפילו די אברים וואס זענען געווענליך נישט ברשותו של אדם, האט איהם דער אויבערשטער אויך אויף זיי ממליך געווען, און זיי זענען אויך געווארן ברשותו, ער האט נישט געזען וואס מען דארף נישט.

**קומט** אויס, איז דאך דער אות ה"א א געוואלדיגער לימוד פאר א איד, דו ווערסט טוען וואס דו דארפסט צו טוען, דערשרעק דיך נישט, דער באשעפער וועט דיר העלפן אז אפילו זאכן וואס זענען געווענליך נישט ברשותו וועט אויך ווערן ברשותו. איז דאך כל

שכן ווען מען רעדט פון זאכן וואס איז יא ברשותו של אדם, און ער טוט וואס עס איז בידו זיך אפצוהיטן, האט ער אוודאי סייעתא דשמיא אז ער זאל קענען ביי-קומען די שלעכטע כוחות.

**די** גמרא זאגט דאך (קידושין ל:) אז יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום, ואלמלא הקב"ה עוזרו לא יכול לו, און דער מענטש קען נאר באוויזן בייצוקומען זיין יצר, ווייל ער האט א עזר פונעם אויבערשטן, א ראי' אז ער האט אן עזר, אז דער אויבערשטער האט געגעבן די כח פאר אברהם אז ער האט געקענט שולט זיין אפילו אויף אברים וואס זענען נישט ברשותו של אדם, איז דאך כל שכן די אברים וואס זענען ברשותו של אדם, איז אוודאי אז ער קען שולט זיין דערויף.

**אידן** זענען געווען אין מדבר און מען האט געדינט דעם אויבערשטן פערציג יאר, מען האט נישט געדארפט גיין צו די ארבעט, עס איז געווען מן שליו, באר, ענן, די קליידער זענען מיטגעוואקסן, עס האט זיך גערייניגט פון זיך אליין, מען האט געקענט מקדיש זיין דעם גאנצן טאג פאר תורה.

**אויף** די דגלים זענען געווען אויפגעשריבן די אבות. א מענטש האט געקוקט אויף זיין דגל האט ער געזעהן אברהם יצחק יעקב, חייב אדם לומר מתי יגיעו מעשי למעשה אבותי (תנא דבי אליהו רבה פכ"ה). וואס איז אונזער דגל? אונזער דגל איז דרכי אבות צו גיין אין די וועגן וואס אונז האבן געלערענט ביי די אבות, און ארויפקוקן אויף זיי, דאס איז דער וועג-ווייזער פאר אונז, א מענטש זאל שטענדיג זאגן מתי יגיעו מעשי למעשה אבותי, ווען וועל איך צוקומען צו דעם. דאס איז געווען די דגלים.

**נאכדעם** איז געווען דער ה"א פון אברהם דאס האט געשוועבט אין דער הייעך. קוק אן די ה"א, די ה"א פון אברהם דאס ווייזט אז פינף אברים וואס זענען נישט ברשותו של אדם קען א מענטש זוכה זיין אז זיי זאלן אויך זיין ברשותו, ווייל דער אויבערשטער האט איבערגעגעבן פאר אברהם אפילו די אברים וואס זענען נישט ברשותו. וויפיל חיזוק האט א איד געהאט פון דעם, אז אלמלא הקב"ה עוזרו לא יכול לו, און ווען ער וויל קען ער גיין אויפן ריכטיגן וועג.

**און** דער ה"א האט געוויזן, אפילו א מענטש איז אדורכגעפאלן און ער האט געזינדיגט, דערשרעק דיך נישט, עס איז דא א וועג אויף צוריק, מען קען תשובה טוען שטענדיג, קוק אן דעם אות ה"א, וואס מיט דעם אות האט דער אויבערשטער באשאפן די וועלט, דו ביסט ארויסגעגאנגען פון איין זייט דו האסט אן אנדערן וועג ווי דו קענסט צוריק גיין, קומט אויס דער ה"א האט געוויזן פאר א איד ווי ווייט ער קען אלס צוקומען. — און דאס איז געווען דער סימבאל פאר אידן. ווען אידן האבן גערוהט אינעם מדבר האט מען געהאט די דגלים וואס אויף זיי זענען געווען אויפגעשריבן די נעמען פון אבות, צו געדענקן צו וואו אונז דארפן צוקומען, 'מתי יגיעו מעשי למעשה אבותי' ווי די וועלט זאגט 'מתי יגיעו' כאטשיג האבן א נגיעה, אונז קענען טאקע נישט דערגרייכן צו זייערע מעשים, אבער עס זאלן כאטשיג אנרירן זיך אונזערע מעשים למעשה אבותי (**שפת אמת** במדבר תרל"א ד"ה אא"ז בשם הרה"ק **ר' בונם מפרשיסחא** זי"ע).

**דער** גרעסטער חיזוק האט א איד געהאט, ווען ער האט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, און ער האט געזעהן די אות ה"א פון אברהם, אז אברהם האט דער אויבערשטער איבערגעגעבן די כח שולט צו זיין אפילו אויף די אברים וואס זענען אינו ברשותו של אדם, המליכו הקב"ה על כל רמ"ח אבריו.

*

**אונזער** חשוב'ער בר מצוה בחור גייט דאך אריין לעול המצות, און עס איז דאך גדול המצווה ועושה יותר ממי שאינו מצווה ועושה (קידושין לא.), ביי א מצווה ועושה ווערט דער יצה"ר שטערקער ווייל ער איז דאך א מצווה ועושה, איז וועגן דעם איז ער דאך גדול המצווה ועושה פון איינעם וואס איז אינו מצווה ועושה, און מען קען אמאל ווערן צעבראכן ביי זיך, ווי קען מען מקבל זיין אויף זיך אזא שווערע תורה מיט מצות, און זיין אפגעהיטן מיט וואס מען דארף זיין אפגעהיטן. זאגט מען ניין, מען דארף זיך נישט דערשרעקן, דער אויבערשטער שטייט צו הילף, און אז דו ווילסט וועסטו מצליח זיין, אז דו וועסט טון וואס איז ברשותך וועט דער אויבערשטער העלפן אז דו וועסט מצליח זיין, נישט

נאר אין וואס איז ברשותך, נאר פון 'אבר"ם' ווערט 'אברה"ם', אפילו די ה' אברים וואס זענען נישט ברשותו של אדם, פונדעסטוועגן דאך אז מען שטרענגט זיך אן אפצוהיטן די אברים וואס זענען ברשותו של אדם, געבט דער אויבערשטער די כח שולט צו זיין אויף זיי אויך.

**וויל** איך נאר אנוואונטשן פארן בר מצוה בחור, אז דער אויבערשטער זאל אים געבן ער זאל וואקסן גרויס אין תורה און יראת שמים, אונז אלע זאלן זעהן ביי אים שמחות און נחת. און פאר'ן חשובן מחותן און פארן זיידן, אריכות ימים ושנים לאנגע געזונטע יארן צו קענען ווייטער מרחיב זיין גבולי קדושה מתוך שמחה וטוב לבב, און אידישע קינדער זאלן ווייטער קענען שעפן ביי זיי ערליכקייט און קדושה און חסידות וואס א אידיש קינד דארף האבן.

**זאל** דער אויבערשטער געבן מיר זאלן זיך קענען צוזאמקומען שטענדיג מתוך שמחה, אונז אלע זאלן זוכה זיין צו זעהן נחת ביי אונזערע קינדער, בני חיי ומזוני רויחי מיט אלעם וואס מען דארף צו האבן, ימלא ה' כל משאלות לבינו לטובה, זאל מען זוכה זיין דער באשעפער זאל זיך שוין מרחם זיין אויפן כלל ישראל אין די עת צרה וואס מען שטייט. און זאל דער באשעפער געבן עס זאל זיין 'לא ישמע עוד שוד ושבר בגבולינו', דער אויבערשטער זאל אפהיטן כלל ישראל וואו מען געפונט זיך נאר, בכל מקומות מושבותיהם, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו בב"א.